720135
8114

אלוועלטליכער יודישער סאציאליסטישער ארבייטער-פערבאנד
„פועלי-ציון"

# יודישע סאצ.-דעמאק. ארבייטער-פארטיי
## („פועלי-ציון") פוילישער פערבאנד.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!

יודישע פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך אונטער

דער פאהן פון „פועלי-ציון"!

צום אלגעמיינעם שטרייק! פייערט דעם ערשטען מאי!

חברים ארבייטער! ס'קומט. דער ערשטער מאי דער ארבייטער יום טוב, דער טאג פון קאמף, ווען מיר דעמאנסטרירען אונזערע כ'חות נעגען דער בורזשואזיער וועלט.

אין דעם טאג מוז זיך הערען די מעכטיגע שטימע פון קעמפענדען פראלעטאריאט, זיין פראטעסט געגען דער מערדערישער ברידער מלחמה, געגען די בלוטיגע אקופאנטען, געגען די אונטערדריקונגען און פערשקלאפונג פון די קליינע פעלקער, געגען עקספלאאטאציע און הערשאפט פון דער בורזשואזיע.

חברים! אין דעם טאג ווארפט אלע ווי איינער די ארבייט אין פאבריק און געשעפט, זאל זיך די ריזען מאשין פון מענשען-פלייש וואס שאפט א גאנץ יאהר דורך אייער בלוט און שווייס אוצרות און רייכטום פאר דער בורזשואזיע — זיך אבשטעלען אויף איין טאג — אינ'ם טאג פונ'ם ארבייטער יום-טוב.

ארויס אויף דער גאס, איהר אלע אונטערדריקטע אונצופרידענע—ארויס פון די ענגע קעלער-שטובען פון די פינסטערע בוידעמ'ס, פון די שמוציגע שטיקענדע פאבריקען,

אויף דער גאס דעמאנסטרירט אייער כח—אייער ווילען, אייער פעהיגקייט און גרייטקייט צום קאמף!

און הויך און שטארק זאל קלינגען אייער שטימע:

זאל לעבען דער 1-טער מאי!

נידער מיט דער מלחמה!

נידער מיט די אקופאטארען רעגענטען און מלוכה-ראט!

זאל לעבען די אינטערנאציאנאלע רעוואלוציע!

זאל לעבען די פרייע דעמאקראטישע רעפובליק אין פוילען!

זאל לעבען די יודישע נאציאנאלע אויטאנאמיע אין פוילען!

זאל לעבען די פרייע יודישע געזעלשאפט אין פאלעסטינא!

זאל לעבען דער סאציאליזם!

ווארשאווער קאמיטעט

פון י. ס-ד א. פ. („פועלי-ציון")

30 אפריל 1918

F 1422/7-8

9

Wszechświatowy Żydowski Robotniczy Związek Socjalistyczny **„Poale-Sjon"**

Żyd. Soc. Dem. Partja Robotnicza „(Poale-Sjon)"
Związek organizacji w Polsce.

Proletarjusze wszystkich krajów łączcie się!

Żydowscy proletarjusze wszystkich krajów zjednoczcie się pod sztandarem „Poale-Sjon"!

Święłujcie pierwszy maj! Do strejku powszechnego!

Towarzysze *robotnicy! Następuje dzień walki*, święto proletarjuszy, kiedy demonstrujemy nasze stanowisko bojowe względem świata kapitalistycznego— następuje pierwszy maj!

Niechaj zabrzmi w tym dniu potężny głos walczącego proletarjatu przeciwko bratobójczej wojnie, przeciwko uciskowi słabych narodów, przeciwko eksploatacji i panowaniu burżuazji!

Towarzysze! Jak jeden mąż rzućcie wszyscy pracę w fabrykach i zakładach. Niech stanie ta olbrzymia maszyna społeczna, która waszym potem i krwią przysparza bogactwa burżuazji!
Niech stanie ona w dniu naszego święta roboczego!

Wy, wszyscy uciskani, wyzyskiwani, niezadowoleni, wyjdźcie na ulicę z ciemnych izb piwnicznych, ciasnych strychów, brudnych gniotących was fabryk! Wykażcie waszą moc, waszą wolę, zdolność, gotowość do walki!

Niech rozlegną się głośno nasze hasła:
Niech żyje 1-szy maj!
Precz z wojną!
Precz z okupantami, radą regencyjną, radą stanu!
Niech żyje rewolucja międzynarodowa!
Niech żyje wolna demokratyczna republika Polska!
Niech żyje żydowska autonomja narodowa!
Niech żyje wolne społeczeństwo żydowskie w Palestynie!
Niech żyje socjalizm!

Warszawski Komitet
**Żyd. Soc.-Dem. P. Rob. („Poale-Sjon")**

30 Kwietnia 1918.

Biblioteka Publiczna Katowice
Śląsko Dąbrowska
U.R. 980